# אַרעסטירטע געוו. דעפּוטאַטן ווערן באַפרייט אויף קויציע

## בריסקער תפיסה אויפגעלעזט; אַלע געוועזענע דעפּוטאַטן איבערגעפירט אין די תפיסות פון וואַרשע, טאָרן און ברויעץ

### אַרעסטירטע געוו. דעפּוטאַטן איבערגעפירט פון בריסק

וואַרשע, 23. נאָוו. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) היינט זענען אַלע אַרעסטירטע געוועזענע דעפּוטאַטן איבערגעפירט געוואָרן פון דער בריסקער פעסטונג קיין וואַרשע און אַנדערע שטעט.

צווישן די איבערגעפירטע אין דער מאָקאָטאָווער תפיסה קיין וואַרשע געפינען זיך די געוועזענע דעפּוטאַטן: קיערניק, פּראַגער און מאַסטעק.

קאָרפאַנטי און קוויאַטקאָווסקי זענען איבערגעפירט געוואָרן קיין טאָרן. און די איבעריגע קיין ברויעץ.

דער אויספאָרשונגס-ריכטער ה׳ דעמאַנט האָט ערקלערט, אַז אַלע אַרעסטירטע געוועזענע דעפּוטאַטן קענען באַפרייט ווערן אויף קויציע צו 10 טויזנט זל.

### נישט פאַרגעקומען קיין איבערקערעניש אין רוסלאַנד

וואַרשע, 23. נאָוו. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט) פון פּוילישע קוועלן ווערן ווייטער אָפּגעלייקנט אַלע קלאַנגען וועגן אַ איבערקערעניש אין רוסלאַנד. די צוגן קיין רוסלאַנד גייען נאָרמאַל.

### עגיפּטע פאַרקלענערט דעם איינפאָהר-צאָל פאַר א״י-אָראַנזשען

קאַיר (יט״א) די לעצטע צאָל־פאַרגרינגערונגען אויף אָראַנזשען פון ארץ־ישראל איז צוריקגעצויגן געוואָרן דורך דער עגיפּטישער רעגירונג. עגיפּטן האָט זיך אַנטשלאָסן אויף דעם שרוט, אַלס נעגאַטרעטיע דאָס ארץ־ישראל־רעגירונג גלייך נעהמענדיק דעם צאָל־אַפּצאָל פון סחורות, וואָס ווערן אויסגעפירט פון עגיפּטן.

### אורטייל אין גרויסן פּראָצעס וועגן די באַרשאַ-געשעעענישן

#### אַלע שולדיגע אַנטיסעמיטן איז די גרויסאַרטע פאַרברעכנס זענען באַפרייט געוואָרן

בוקאַרעסט, 23. נאָוועמבער (יט״א) נאָכ׳ן אויסהערן די 150 עדות און די רעדעס פון פּראָקוראָר און פאַרטיידיגער אין דעם גרויסן באַרשאַ-פּראָצעס, איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דער אורטייל, לויט וועלכן אַלע 15 יידישע אָנגעקלאָגטע און 60 קריסטליכע אָנגעקלאָגטע זענען באַפרייט געוואָרן פון שולד. בלויז דער אַנטיסעמיט דאַנינאַ, איז פאַר׳משפּט געוואָרן צו באַצאָהלען 5000 לעי. אויך די אַנטיסעמיטישע גייסטליכע, וועלכע האָבן געפּייניקט די יידן און האָבן מיטגעווירקט צו די אונטערצינדונגען – זענען באַפרייט געוואָרן.

### ווידער אַ אויפּרייס פון אַ פּרימוס-מאַשין

#### פּרוי באַקומען שווערע בראַנד-וואונדן

(§) נעכטן האָט ווידער אַמאָל פּאַסירט אַן׳אומגליקס-פאַל צוליב אויפּרייסן פון אַ פּרימוס-מאַשין.

### נייער פּוילישער גענעראַל-קאָנסול אין ירושלים

ירושלים, 23. נאָוועמבער (יט״א) ווי יט״א ווערט געוואָהר, איז אויפגעזאָגט פון געוו. פּוילישן גענעראַל-קאָנסול אין ירושלים, טיטוס זבישעווסקי, וועלכער איז איבערגעטראָגן געוואָרן קיין שיקאַגאָ, באַשטימט געוואָרן דער מיניסטעריאַל-ראַט פון אויסער׳ן מיניסטעריום ד״ר ודזיסלאַו קורניקאָווסקי.

### אַרעסטירט 11 קאָמוניסטישע פירער אין לאָדז

(פּ) די פּאָליציי האָט זיך געשטעלט צום צוועק צו ליקווידירן אַ קאָמוניסטישע יאַטשייקע, וואָס האָט געהאַט אין איהרע הענט די אַגיטאַציע פון דער לאָדזשער קאָמוניסטישער יוגענד.

אַלע 11 פּערזאָנען זענען אָפּגעפירט געוואָרן אין אַרעסט.

### צוהאַקט דעם קאָפּ ביי אַ קאַרבע פון אַ דרעה-ברונעם

# ערקלערונג פון פּרעמיער מאַקדאָנאַלד בעת דער א״י-דעבאַטע אין ענגל. פּאַרלאַמענט

## גענויער טעקסט פון דער רעדע

לאָנדאָן (יט״א) בעת דער א״י-דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט פון פאַריגן מאָנטאָג האָט, דער פּרעמיער-מיניסטער מאַקדאָנאַלד, ווי מיר האָבן מיטגעטיילט טעלעגראַפיש, נאָך דער רעדע פון געוו. קאָלאָניען-מיניסטער ה׳ עמערי אָפּגעגעבן אַן ערקלערונג, אין וועלכער ער האָט געזאָגט:

„דאָס ווייס בוך״ זאָגט גאַנץ אויסדריקלעך, אַז די רעגירונג ווערט אָננעמען אַ סכעמע, אין וועלכער עס וועט זיין ענטהאַלטן אַ סיסטעמאַטיש פּראָגראַם פאַר דער לאַנד-אַנטוויקלונג. ווייל דאָס „ווייס-בוך״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין דעם דאָזיגן עיין נעווינדמעט פיל אויסמערקזאַמקייט. עס זענען שוין געמאַכט געוואָרן שריט צו פאַרזיכערן דעם פינאַנציעלן צושטייער...

אייך דערמאָן מיך וועגן מיין בע...

# איינדרוקן פון דער א״י-דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט.

# מעהרהייט פון פּאַרלאַמענט איז געגן „ווייס-בוך“

## דריי פערטעל פון ענגלישן פּאַרלאַמענט גרייט געווען צו שטימען געגן פּאַספילד׳ס „ווייס-בוך״ – די אָפּאָזיציע האָט אָבער נישט אַריינגעטראָגן קיין פאָרשלאָג, נישט וועלנדיג אַרויסרופן אַ רעגירונגס-קריזיס.

לאָנדאָן (יט״א) דער קאָרעספּאָנדענט פון דער יידישער-טעלעגראַפן-אַגענטור ה׳ פּער סמאָלאַר, וועלכער האָט בייגעוואוינט די גרויסע ארץ-ישראל-דעבאַטע אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, שילדערט אויף פאָלגענדן אופן דעם פאַרלויף פון דער דיסקוסיע: די דיסקוסיע איז געווען אַ משפּט איבער דער ענגלישער...

